בס"ד

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויקהל תשפ"ד • שנה ה' • #212

# ס'פליט מיסט

## פונעם שכנ'ס פענסטער

29



**אלץ און אלעמען:**
**דער קאנטינענט**
**אזיע - רוסלאנד | 7**

**אינהאלטסרייכע שמועס מיטן רבינ'ס געטרייער משמש:**
דער איבערגעגעבענער מלמד תשב"ר, געשמאקער גבאי
בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, און טאלאנטפולער
אינטערוויוער אויף קול ברסלב // **מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו**

**וועלטליכע נייעס:**
**פורים'דיג:**
**קול הדעקלעראציע | 8**



**וועלטליכע נייעס**
טראמפ ווערט באשטראפט מיט 355 מיליאן דאללער
4



**אלץ און אלעמע**
דער קאנטינענט אזיע - רוסלאנד
5



**געדאנקען**
קול הדעקלעראציע
6



**דעם רבינ'ס משמש**
א שמועס מיט מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו
20



**ברסלב'ע שטוב**
ס'פליט מיסט פונעם שכנ'ס פענסטער
29



**גראמען**
פורים קומט שוין צו גיי
33


# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייִנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
ויקהל כ"ט אדר-א תשפ"ד

הדלקת הנרות .......... 05:40
מוצאי שבת ........... 07:12
מנחה מעריב פקודי.... 07:55

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 08 | 50°/31° | Partly Cloudy |
| Sat 09 | 42°/35° | Showers |
| Sun 10 | 40°/27° | Rain/Snow Showers |
| Mon 11 | 39°/26° | Mostly Cloudy |
| Tue 12 | 46°/30° | Partly Cloudy |
| Wed 13 | 52°/34° | Partly Cloudy |
| Thu 14 | 56°/38° | Partly Cloudy |
| Fri 15 | 56°/41° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין


## מזל טוב!
מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו**
**וזוגתו טויבע רבקה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!
מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**
**וזוגתו עלקא תחי'**
**צו די בר מצוה פון נחמן עמרם נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט

עס איז אונז א גרויס כבוד אייך
איינצולייידענען צום רייכן פראגראם

# מסיבת
# הכרת הטוב

וואס וועט פארקומען קומענדיגן
דאנערשטאג פקודי אינעם פראכטפולן זאל

פתיחת שערים 8:15

## עטרת מייזעלס
6 YD Goldberger Dr, Monroe, NY 10950

ברכת המזון 11:30

### כבוד התורה
סיום מסכת שבת ירושלמי
הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו שליט"א
8:45

מרבין בשמחה
מו"ה ישראל מיכל ראזענפעלד ה"יו
9:00

### דברות קודש
דברי ברכה והתחזקות
הרה"ג ראש הישיבה שליט"א
9:30

א רייכע שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן פאר אלע באטייליגטע

מיר ווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן:
שבתי מארקוס - אשר בער אינדארסקי

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## טראמפ געשטראפט מיט 355 מיליאן דאללער

א ריכטער אין ניו יארק האט געאורטיילט אין א קעיס קעגן דעם געוועזענעם פרעזידענט אז ער דארף באצאלן קנס די פרעצעדענטלאזע סומע פון דריי הונדער פינף און פופציג מיליאן דאלאר קנס.

דער ריכטער האט געפונען טראמפ שולדיג אין פארשידענע ביזנעס שווינדל קלאגעס אין וואס דער ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל האט אים אנגעקלאגט, ארייננגערעכענט אז ער האט איבערגעשאצט זיין ביזנעס ווערד כדי צו באקומען הלוואות פון די בענק אויף בעסערע טערמינען.

ווען מיר זעען דעם ביליאנער טראמפ לויפן פון איין געריכט צום צווייטן צאלן געפעפערטע קנסות און אפיעלן נאכאמאל און נאכאמאל די אורטיילן, זעען מיר אז געלט און עשירות קען נישט העלפן קיין מענטש. צומאל איז א מענטש אזוי ארים, אז אויסער געלט האט ער גארנישט, און דער האט נעבעך א פנים

ווי דער חכם פון סיפורי מעשיות, ער לויפט אהער און אהין, און איז אלץ גערעגט און האט טענות אויף די גאנצע וועלט.

ווען פון די אנדערע זייט קען מען זען ערליכע אידן וואס אויב זיי האבן נישט קיין געלט זענען זיי טריליאנערן, וואס קענען זיך ערלויבן זיך אויפצורייסן, ער קען זיך ערלויבן א גוט ווארט פאר א צווייטן, ער איז גענוג רייך. ער קען זיך ערלויבן צו לערנען פרקים משניות, ער קען זיך ערלויבן זיך אויפצורייסן מיט זיין בארד און פיאות, מיט זיין מקוה און תפילין, ער גייט ארויס אין א ריקוד און איז באמת פרייליך אז ער "האט זוכה געווען היינט צו לערנען א בלאט גמרא". ער שפירט אזא סיפוק און הנאה אז ער קען ארויסזאגן די ווערטער "אמר רבא, אמר אביי".

עס איז אמאל געווען א איד וואס איז געקומען צו רבי חיים קנייבסקי ז"ל מיט א שווערע שאלה, ער האט געקויפט א טייערע טעסלע עלעקטראנישע קאר, ער וואוינט אין בני ברק, ווי אלע האבן אלטע ביליגע קארס, און ער וויל וויסן צי ער מעג פארקירן זיין קאר נעבן זיין הויז, און דערמיט מכשיל זיין אנדערע אידן מיט קנאה. רבי חיים קוקט אים אן און פרעגט אים "וויפיל מאל האט איר שוין געענדיגט ש"ס"? זאגט ער "ש"ס? איך?", וויפיל מסכתות האט איר שוין געענדיגט? "נאך נישט געענדיגט, איך האב געלערנט אפאר בלעטער אין ישיבה, אפאר בלעטער אין חדר", "איר קענט רואיג אהיים נעמען אייער קאר" האט אים רבי חיים געענטפערט, "עס איז נישטא וואס אייך צו מקנה זיין"

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז נאכדעם וואס א איד איז צוגעקלעבט צום אייבערשטן, ער דאוונט, ער לערנט, ער פריידט זיך מיט זיין לעבן, מיט זיינע פשוטע מצוות, יעצט איז געשמאק צו האבן א שיינע הויז, א שיינע קאר, אבער אן דעם קען מען נישט זיין פריילך.

**אין מלוין לא כסף ולא זהב, אלא תורה ומעשים טובים בלבד**

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער




## דער קאנטינענט אזיע - רוסלאנד

דער גרעסטער קאנטינענט אויף דער וועלט איז בלי ספק אזיע, סיי אין שטח, סיי אין פאפולאציע, סיי אין דזשי די פי. אין שטח פארנעמט אזיע כמעט א דריטל פון די וועלטס שטח, איבער פיר און א האלב "ביליאן" מענטשן - וואס איז כמעט "צוויי דריטל" מענטשן פון די גאנצע וועלט - וואוינען אין אזיע, די דזשי די פי פון אזיע איז כמעט פערציג טריליאן דאלער, וואס איז כמעט פערציג פראצענט פון די וועלט'ס דזשי די פי.

ביי אונז האט אזיע א גרויסע חשיבות צוליב וואס ארץ ישראל געפונט זיך אין איר, אזוי אויך בבל ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געשריבן די גמרא. די גאנצע מעשה פון די מגילה האט זיך אפגעשפילט אין אזיע, די לענדער פרס ומדי זענען לויט רוב דיעות בערך ווי די היינטיגע "איראן" און "אינדיע" געפונען זיך.

עס איז נישט מעגליך אין ראם פון איין ארטיקל צו ענדיגן איבער אזיע, וועלן מיר רעדן בלויז פון די גרעסטע לאנד אין אזיע וואס איז אונזער באקאנטער "רוסלאנד" וואס כמעט אכציג פראצענט רוסלאנד איז אין אזיע. רוסלאנד איז אזוי גרויס אז זי דעקט צו א דריטל פון גאנץ אזיע. א חלק פון רוסלאנד וואס געפונט זיך אין אזיע איז אונז גוט באקאנט, דער חלק רוסלאנד רופט זיך "סיביר", וואו טויזנטער הייליגע אידן האבן אונז איבערגעלאזט פעק מיט מעשיות פון אמת'ע מסירת נפש, ווען מען האט נישט אפגעלאזט דעם אייבערשטן און די אמונה טראץ אלע פייניגונגען וואס זיי האבן דורכגעמאכט, צו וואס מיר וועלן באלד צוריק קומען.

כאטש רוסלאנד האט פארלוירן פילע רעפאבליקס (לענדער) וואס זענען געווען א טייל פון זייערע פעדעראציע ווען די סאוויעטישע פארבאנד האט זיך אויפגעלעזט אין יאר תשנ"א, פארמאגט זי נאך היינט פילע רעפאבליקס וואס דארפן צו הייסן טיילווייז זעלבסטשטענדיג פארמאגענדיג אייגענע שפראכן, און אן אייגענע רעגירונג. עטליכע באקאנטע רעפאבליקס וואס זענען א טייל פון רוסלאנד זענען טשעטשניע, קאראקאסיע, און דאגעסטאן.

מוהרא"ש פלעגט אלץ פארציילן די מעשה פון דעם בחור נטע גורעליק, וואס איז געווען א ערליכער חסידישער בחור און איז אנגעקומען קיין אומאן אין די צייטן ווען קאמוניזם האט געהערשט מיט איר גאנצע קראפט, ער האט זיך דארט באקענט מיט אנשי שלומינו, וואו ער איז געוואויר געווארן פונעם סוד פון רעדן צום אייבערשטן.

עס איז נישט דורך קיין לאנגע צייט, און די אויטאריטעטן האבן אים געכאפט ווי ער העלפט ארויס פארשפרייטן אידישקייט און לערנט תורה מיט קינדער, מען האט אים פארשיקט קיין סיביר. נטע האט שטארק מתפלל געווען ער זאל עס קענען דורכמאכן.

אנקומענדיג האט דער אייבערשטער געמאכט א נס אז מען האט אים געגעבן ארבעט אינעווייניג אינעם בנין, צו באדינען די פאליציי, אזוי האט ער געהאט פיינע הייצונג. נאך א קורצע צייט איז אנגעקומען אהין א טאכטער פון א גלח וואס די רעגירונג האט אויך פאראורטיילט קיין סיביר, אויך איר האט מען געגעבן ארבעט דארט.

יעדע נאכט פלעגט דער גלח'ס טאכטער אים משוגע מאכן און געפיניגט ער זאל זינדיגן מיט איר, ער פלעגט דאן ארויס לויפן אין די קעלט און שרייען צום אייבערשטן "ראטעוועט מיך, איך ווער פארברענט", און ער איז נישט צוריק ביז ווען ער איז זיכער געווען אז זי שלאפט שוין.

נאך דריי יאר ארבעטן דארט געטריי און איבערגעגעבן, האבן זיי באשלאסן אים צו באפרייען, און לכבוד דעם האט מען אים געמאכט א "געזעגענונגס פארטי", ווען אלע זענען דארט געזעסן האט דאס מיידל זיך אויפגעשטעלט און געזאגט "אויב איז דא א הייליגער בחור אויף דער וועלט, איז עס דער בחור", און האט פארציילט וויאזוי ער האט זיך יעדע נאכט דריי יאר אין א ציה זיך ארויסגערדרייט פון איר.

ווען נטע איז צוריק געקומען קיין אומאן האט ער פארציילט זיין געשיכטע פאר אנשי שלומינו - אלע האבן געווינט - האט רבי לוי יצחק בענדער ז"ע וואס איז דארט געזעסן פארציילט - און נטע האט אויסגעפירט, "איך האב געהאט א נס אז איך האב מיך באקענט מיט אנשי שלומינו און זיך אויסגעלערנט רעדן צום אייבערשטן בתמימות אידער איך בין אנגעקומען קיין סיביר, ווייל ווען איך נוץ ווען חכמה און שכל, וואלט נישט מעגליך געווען ביישטיין די נסיון".

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

# געדאנקען

# קול הדעקלעראציע

די פלאטפארמאציע צו דעקלערירן און צירקולירן און אינפארמירן אייער דעקלעראציע און צירקולאציע און אינפארמאציע פאר די גאנצע קאנגרעגאציע פון די היינטיגע גענעראציע.

זיך צו פארבינדן מיט די קול ה'דעקל, ביטע רופן די ברסלב'ע האטליין נאמבער 212-444-9191

נ. ב. גיט אכטונג! איר קענט ווערן פארכאפט אין זאגן משניות, רעדן צום אייבערשטן, רעדן שיין צו די ווייב און קינדער!

*

<u>השתדלו והרבו תחינה!</u>

ביטע מתפלל זיין פאר קארנטשיפס בן באבאגאנוש, דאס איז דער נאמען פון דעם עלטער פעטער וואס האט געסטראשעט אז אויב זיין נעפיו גייט נישט ארויס זאפארט פון די ברסלב'ע ישיבה גייט ער האבן דריי הארץ אטאקעס אין ווייניגער ווי צען מינוט. די רעטונגס אגענטן געפינען זיך אויפן ארט מיט דריי אמבולאנסן, ביטע מתפלל זיין, "הייליגער באשעפער העלף אז דער נעפיו, און אלע נעפיו'ס בתוך שאר כלל ישראל זאלן זוכה זיין צו וויסן אז מ'דארף לערנען תורה אפילו ווען מ'פארשטייט נישט, און אפילו ווען ס'בוזשעוועט אין מח נישט גוטע זאכן וואס מ'האט געזען און געטון אלס רעזולטאט פון זיצן אין א פלאץ וואס איז געשטעלט אויף הבטלה מביאה לידי שיעמום, זאל מען ווייטער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, ווייל די תורה איז די איינציגסטע רעטונג"

והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים



# א. פורים'דיגער

*

<u>"קול ה'פעלשער"</u>

בשורה טובה!

אויב אייער עלטער מומע איז נישט מסכים צום שידוך ווייל איר זענט נאכנישט דריי און צוואנציג, און נישט גענוג "מעטשור", ווענדן מיר פעלשן אייער בערט סערטיפיקעט און איוספאפן די עלטער מומע.

אויב די עלטער מומע סטראשעט מיט א הארץ אטאקע, נא לעיין במודעה הקודמת.

נ.ב. התפלה הנ"ל מועילה גם לצרה זו, ונכון לשנות קצת הנוסח, כדי לצאת לכל הדיעות.

*

<u>"קול ה'דריטע קינד גמ"ח"</u>

אין א נאבעלע אקציע פון פארמערן חובות ביי כלל ישראל, און מאכן זיכער אז יעדער מאכט נאך יעדן, און יעדער לעבט יא פאר יענעם, האט זיך פארמירט א גמ"ח וואס וועט אייך בארגן הונדערט טויזנט דאלער צו די חתונה פון אייער דריטע קינד.

צו זיין עלידזשעבל מוז מען האבן די פאלגענדע:

א. צוויי הונדערט טויזנט דאלער אומבאצאלטע חובות פון די פריערדיגע צוויי קינדער'ס חתונה.

ב. מ'מוז האבן ביי די שבת באווארפן סעודה אלע ערשטע און צווייטע קאזינס, כדי להרבות החובות.

נ.ב. אויב ס'נישט געווען א בדחן ביי די חופה איז מען נישט עלידזשעבל.

נ.ב.ב. אויב ס'נישט געווען ביי די מצוה טאנץ טשולנט און פאטעיטע טשיפס איז מען נישט עלידזשעבל.

*

<u>"קורצע אינפארמאטיווע נייעס'לער"</u>

א קאמישער עפיזאד האט זיך אפגעשפילט אין הארץ פון די אידישע געגנט, א ברסלב'ע בחור האט חתונה געהאט מיט דריי יאר פריער ווי דער פעטער האלט אז ס'איז די "נארמאלע" "מעטשור" עידזש.

דער פעטער האט געזען פאר וויכטיג אז די פארפאלק זאל וויסן אז ס'איז געפערליך, ווייל זיי זענען נאכנישט אזוי מעטשור ווי דער פעטער, האט ער דעם לעצטן טאג פון שבע ברכות אפגעווארט דעם אינגערמאנטשיק, ביי שחרית שטילערהייט, אומבאמערקבאר, און נאכשפיאנירט, ביז ער איז אהיים, און געווארט דארט ביז זיי ביידע האבן געכאפט א שפאציר צו די נאכמיטאג שבע ברכות.

דער פעטער האט זיך אביסל געשעמט, האט ער געווארט ביז זיי גייען דריי גאסן אוועק, און האט אנגעהויבן מיט זיין לעבנס מיסיע אז דרוילעם זאל וויסן ס'איז געפערליך מיט די ברסלב'ע חברה וואס מאכן שידוכים פאר די קינדער אן רשות פון די פעטער.

> די פארפאלק זאל וויסן אז ס'איז געפערליך , ווייל זיי זענען נאכנישט אזוי מעטשור ווי דער פעטער...

אומר ועושה, דער פעטער הייבט אן מורמלען אונטער די נאז צו יעדן דורכגייער, כ'בין נישט מסכים צום שידוך! כ'האב זיי געווארנט! נישט מסכים! כ'האב זיי געווארנט! נישט מסכים! כ'האב זיי געווארנט! נישט מסכים! כ'האב זיי געווארנט! נישט מסכים! כ'האב זיי געווארנט! שמאסקעם! געווארנט! שמאסקעם! געווארנט!



שמאסקעם! ווארנט!! שמאסקעם! שמאסקעם! שמאסקעם! ווארנט!! ווארנט!! ווארנט!!

דער פעטער שטייט אזוי ביים קארנער און שמאסקעמט ארום.... ער גלייבט נישט וואס ער זעט! די פארפאלק שטעלט זיך בכלל נישט אפ!!! זיי גייען זיך ווייטער כאלו לא הי'! זיי ווייסן ניטאמאל אז דער פעטער שמאסקעוועט ארום דא ביים קארנער, א פערטל מייל אוועק! ס'ארא חוצפה! היינטיגע יונגווארג!!!

דער פעטער שמייסט אריין אין דעם דערנעבנדיגן עלעקטראניק געשעפט און האנדלט איין א טויזנט דאלערדיגע סאונד סיסטעם, שטעלט זיך אויף הויך, אויף דריי מילך קעסטלעך און שרייט שמאסקעם!!!!!! שמאסקעם!!!!!! שמאסקעם!!!!!! שמאאאאאאסקעם!!!!!!

די פארפאלק גייט אריין אין געשעפט און זיי קוקן ביי די טשאקלאד, ער זאגט אז ער וויל קויפן די ווייסע טשאקלאד ווייל זי האט עס ליב, זי שטעלט א ווידערשטאנד, מ'מוז קויפן די שווארצע ווייל ער האט עס ליב.ביידע זענען מוותר און מאכן אפ אז מ'גייט קויפן ביידע.

אויפ'ן וועג צוריק, זיי הערן עפעס מאדנע קולות, שמאסקעם שמאסקעם שמאאאאאאאסקע-קעם!!!! שמאאאאאאאסקע-קעם!!!! זיי לאכן א גוטס, ווער איז די שמאסקעם מענטש דארט? זיי קומען נענטער, דער פעטער איז אזוי פארטיפט אין זיין שמאסקעמעריי אז ער דערקענט ניטאמאל דעם אינגערמאן פון גרויס לשם שמים'דיגע שמאסקעמשאפט.

ער וויל קויפן די ווייסע טשאקלאד ווייל זי האט עס ליב, זי שטעלט א ווידערשטאנדט.

אזוי ווי דער אינגערמאנטשיק גייט אדורך האט זיך פונקט פארשטעקט די מילך קעסטל פלאטפארמע, דער פעטער האט געטראסקעט, דער אינגערמאן קומט צו און העלפט דעם פעטער צוריק בויען די מילך קעסטל געביידע, דער פעטער שמאסקעט ווייטער און די פארפאלק איז שוין אהיים און שוין געמאכט א סיום אויף ביידע טשאקאלאדעס, און דער פעטער איז נאך אלץ נישט מסכים צום שידוך

*

<u>"פינאנציעלע נייעס"</u>

מר. דעלקעלע ווארצלבוים, דער הויפט פון "טישבאנק", די גרעסטע באנק אין האגלדארף, די הויפטשטאט פון נאגלדעלפיע, האט ערקלערט אז די באנק וועט זיך ווענדן מיט א ספעציעלע בקשה צו די ברסלב'ע וואס מאכן חתונות אומזיסט, עס איז דא א ערנסטע חשד אז די אומזיסטע חתונות איז געצילט צו אריינשניידן אין די קרעדיט קארד איינקונפטן פון די וועלט בארימטע "טישבאנק".

"מיר וועלן נישט אויף קיין שום פאל, פאלן א קרבן צו די ברסלב'ע אומזיסטע חתונות!" האט ווארצלבוים דערקלערט מיט פאטאס, "די קריוודע וואס באטרעפט דריי מיליאן דאלער (60 חתונות x 50,000 איינגעשפארט = 3,000,000) גייט שוין אן מיט גרויס פרעכהייט זינט 2017, און עס איז טישבאנקס העכסטע פריאריטעט אז די קרעדיט קארד חובות זאלן ווייטער אנגיין אומגעשטערט!" אלע אנוועזנדע קרעדיט קארד בעלי חובות האבן הילעכיג אפלאדירט.

דרך אגב, איז אפירגעזוכט געווארן א קראנטע רעפארטאזש, ווי עדות געבן איבער קלארע פאקטן, אז נאך די ערשטע אומזיסטע חתונה אין ברסלב, האט די יעניגע קהילה פאראורזאכט א רייע פון מערערע חתונה שפארונגען אינערהאלב די יעניגע ברסלב'ע קהילה, וואס האט טיף בארירט נישט נאר די חתונה נאכט, נאר אפילו די ארומיגע חתונה-איינצלהייטן (ווי שבת באווארפן,



שבת שבע ברכות, בר-מצוה'ס שטריימלער, שייטלער, פורניטשער, קליידער און נאך) ותוצאותיו מי ישורנו.

דער נאגלדעלפיע'ר רב הכולל, פון די קרעדיט קארד בעלי חובות קהילה, מישע כריינכרעמזל, האט אנגעוויזן מיט זארג אז דאס מאכן חתונות אומזיסט איז א פארלעצונג פון "מעסוירע".

אין א צובראכענעם אידיש האט כריינכרעמזל געדרשנ'ט אז זיין באבע האט אים איבערגעגעבן ווייניג וואס וועגן אידישקייט, אבער מאכן חובות ביי חתונה מאכן די קינדער איז קלאר פון די זיילן וואס האלטן די מעסוירע

*

<u>"גוטמיינענדיג געזאגט"</u>

וואס די גוטמיינענדיגע מענטשן זאגן וועגן די משניות זאגערס

"פארוואס מאכן זיי יונגע שידוכים? איט'ס סאו קרעיזי! איט'ס נאט נארמל! ס'קען נאך שאטן פאר שידוכים!"

"בחור'ל! איך מיין דיין טובה! אויב דו וועסט נישט שוין אויפהערן צו זאגן משניות, וועסטו בלייבן פארכאפט! דו וועסט קיינמאל נישט אויפהערן צו לערנען! דו וועסט נישט האבן קיין צייט צו טון נישט גוטע זאכן! דאס איז א ערנסטע אדיקשן! ראו הזהרנוך!"

א גוטמיינענדיגער האט געפרעגט א ברסלב'ע חתן ווי אלט ביסטו? זאגט דער חתן אז אום חודש טבת גייט ער זיין ניינצן.

(דער גוטמיינענדיגער האט נישט געהאט קיין צייט צו כאפן די וויץ, ווייל זיין ווייב האט אים פונקט אריינגערופן, און ער איז געווען פארנומען צו מסביר זיין פאר די ווייב אז זי איז נישט גערעכט צו שטערן דעם מאן אינמיטן א וויכטיגע מיטינג)

*

<u>קורצע באריכטן פון די דערהויבענע הויפן, מהנעשה והנשמע בחצרות הקודש.</u>

א קורצע באריכט פון שמחת תורה ביי די הקפות אין קהלת קאקאשקעקיק תחת דגלו והדרכתו הפקחית של ה'קאקאשקעקיק'ע רעבע שליט"א

א ריזיגער עולם פון אינגעלייט האבן אויפגעהויבן זייערע דריי יעריגע קינדערלעך צו "קוקן אויף די רעבע שליט"א" ווען אין די זעלבער רגע געבט ער א בלינק מיט'ן אויג צום חבר און ביידע לאכן זיך אונטער פון די הייליגע רעבע שליט"א, א טאג נאך שמחת תורה איז בייביי רעבע שליט"א, סי יו נעקסט שמחת תורה.....

ביידע לאכן זיך אונטער פון די הייליגע רעבע שליט"א.

*

<u>"ליגאלע נאטיצן"</u>

Legal notice

די קול ה'דעקל איז דאס אויסשליסליכע אייגנטום פון די "קרית ברסלב בלעטל" וואס ווערט וועכנטליך פובליצירט אויף אונזער וועבזייטל thebletl.com

דיזער קול ה'דעקל איז ערלויבט צו פארשפרייטן. ואשרי המפיץ תורת רבינו ז"ל צו מזכה זיין אידישע קינדער צו לערנען און דאווענען און גלייבן אז דער אייבערשטער איז דא מיט מיר יעדע רגע און איך קען רעדן צו אים אזוי ווי צו א גוטן חבר.



ל"ג בעומר תשפ"ג אין מירון



# מעשיות פון תפילה

## יואליש קרויס - ביתר:

עס האט מיר געקלינגען אין קאפ חלקים פון צוויי ניגונים וואס איך האב געהערט חול המועד סוכות און איך האב זייער הנאה געהאט, דער פראבלעם איז געווען אז איך האב נישט געוואוסט וואו צו טרעפן די ניגונים. איינע פון די ניגונים האב איך אפילו נישט געדענקט די ווערטער נאר א חלק פון די תנועה.

איך האב זייער שטארק געוואלט הערן די צוויי ניגונים, איך האב געזוכט אין א פלאץ ווי איך האב א גרויסע אוצר פון ניגונים, איך האב פרובירט צו אויסהערן אסאך טעיפס פון דעם זינגער, אפשר וועל איך טרעפן די ניגונים, אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן (יא, אויף אזא פשוטע זאך קען מען אויך בעטן דעם אייבערשטן) אז איך זאל מיך דערמאנען וויאזוי דער ניגון הייסט, און איך זאל עס טרעפן.

איך האב אזוי געבעטן פאר בערך פיר חדשים, ביז איך האב איינמאל געהערט ווי מען זינגט איינע פון די ניגונים, האב איך זיך צוגעהערט די ווערטער, און לויט דעם האב איך געטראפן דער ניגון.

נאכדעם האב איך ווייטער געזוכט דעם צווייטן ניגון, און ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן, און ברוך השם היינט פינף חדשים נאכן בעטן דעם אייבערשטן האב איך עס געטראפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איך זאל קענען מאכן גוט התבודדות אויף די ניגונים.

## רפאל יעקב גוטמאן - בני ברק:

1) איין טאג האב איך האב פארלוירן אין גאס א קליין קארטל מיט אסאך ניגונים, שיעורים און נאך, יעצט גיי זוך א קליין קארטל אין א גרויסע גאס, ס'איז ממש ווי זוכן א קליין קארטל אין גאס...

למעשה איך האב זיך נישט מייאש געווען נאר געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן די קארטל, איך בין צוריק געגאנגען בערך וואו איך בין אריבער, און די גאנצע צייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס טרעפן.

שכח אייבערשטער נאך בערך פופצן מינוט האב איך געזען א קליין קארטל ליגן אויפן ערד און ברוך השם ס'איז געווען מיינס.

2) מיין קליין בעיבי האט זייער שטארק געוויינט איין נאכט, מיר האבן נישט געוואוסט וואס גייט פאר מיט אים וואס שטערט אים, מ'האט פרובירט אים געבן עסן און ער האט נישט געוואלט, מ'האט אים געהאלטן אבער ער האט זיך נישט בארואיגט, אזוי האט מען פרובירט אלעס אבער ס'האט גארנישט געהאלפן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטען ס'זאל אים גארנישט ווי טון און ער זאל שלאפן רואיג.

שכח אייבערשטער ממש אפאר מינוט נאכדעם איז ער איינגעשלאפן אזוי גוט אז ער איז געשלאפן ממש ביז אינדערפרי.

שכח אייבערשטער.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַ 15 יֶערִיג מֵיידְל פוּן אַ חֲסִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וָואס גְלִיטְשְׁט יֶעדְן טָאג מֶער אוּן מֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט. זִי הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אַן אַ פִּילְטֶער אוּן זִי אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם טָאג אוּן נַאכְט. וָואלְט אִיר מִיר גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ וֶועמֶען צוּ גֵיין? צוּ וֶועלְכֶע עַסְקָנִים זִיךְ צוּ וֶוענְדְן? אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן אִיר צוּ רַאטֶעוֶוען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועק גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט זָאלְסְטוּ אִיר רוּפְן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, מִיט דַיין ווַייבּ אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; אַז זִי וֶועט זֶען דַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, דַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער אוּן דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג - ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, דַאן וֶועט זִי מַחְלִיט זַיין אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא הַיינְט אַסַאךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה ווַייל **זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער 'נִישְׁט אִיד' הָאט אַ גוּט לֶעבְּן**; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דָאס קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט קוּמֶענְדִיג פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, קִינְדֶער וֶועם מֶען טְשֶׁעפֶּעט, אָדֶער קִינְדֶער וָואס טְרֶעפְן זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין שְׁטוּבּ, אַלְץ רֶעזוּלְטַאט אַנְטְלוֹיפְן זֵיי צוּם סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוּמֶען אָן צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם. דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען ווַייזְט זֵיי אַ וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע הֵיים אוּן **זֵיי זֶעעֶן דָאס לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי עֶר רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, ווִי זִיס אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז, דוּרְכְדֶעם ווִילְן זֵיי אַלֶע בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.**

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן עַסְקָנִים וְכוּ', גֶעדֶענְק וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ב, כב): "**חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא**"; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אוּן זוּכְן עַסְקָנִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן וֶוענְד זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִין אַלֶע אִידְן אַ רוּחַ טָהֳרָה - אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט אוּן אַ רֵיינְקֵייט, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי רוּחַ הַטֻּמְאָה אוּן עֶס וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (זְכַרְיָה יג, ב): "**וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ**".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## צער בעלי חיים

**דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א אינגערמאן וואס האט געפרעגט אז ער וויל פארשטיין פארוואס דער אייבערשטער האט געמוזט באשאפן די וועלט אויף אזא וועג אז מ'זאל מוזן הרג'ענען אומשולדיגע בעלי חיים זיך צו שפייזן אויף זיי:** דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אויף אן אופן אז מען זאל עסן פיש און פלייש אז מען זאל שחט'ן בהמות - איז דאס נישט קיין צער בעלי חיים, די הייליגע תורה ווייסט אויך וואס צער בעלי חיים איז.

אנטלויף פון די אלע נארישע שיטות פון די וועדזשעטעריענס וואס דאס וועט דיר נאר משוגע מאכן און פארדרייען דיין לעבן, און דו וועסט גארנישט האבן פון דעם.

ענדערש זאלסטו זיך אריין לייגן אין אמונה; זאלסט חזר'ן טאג און נאכט אז עס גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, און אלעס וואס מיר זעען איז נאר א פארשטעלאכץ מיט וואס דער אייבערשטער האט זיך אנגעטון; דער אייבערשטער איז אין יעדע זאך - אין דומם, צומח, חיה, מדבר - אלעס איז נאר א פארשטעלאכץ פונעם אייבערשטן, דורכדעם וועסטו האבן א גוטע לעבן.

**איך האף אז דו וועסט אנעעמען מיינע ווערטער - וועט דיר גוט זיין.**



# א מעשה פון א צדיק

## נָאכְגֶעמַאכְט דֶעם טַאטְן

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעהַאט אַ קְלוּגֶער זוּן מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי אַבְרָהָם, עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן אִין יָאר תר"ט. פוּן קִינְדַווייז אָן אִיז רֶבִּי אַבְרָהָם גֶעוֶוען דָּבוּק צוּ זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט אַרַייְנְגֶענוּמֶען אִין זִיךְ דִי תְּמִימוּת פוּן זַיין טַאטֶע. עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זַיין טַאטֶע, אוּן אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס טוּט אַלֶעס וָואס דִי טַאטֶע טוּט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים.

עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי זַיין טַאטֶע אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווילְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, הָאט עֶר דָאס אוֹיכֶעט נָאכְגֶעטוּן. וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען הָאט עֶר אַסַאךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט אַן אֱמֶת אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע. אַזוֹי אִיז אַדוּרְךְ זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן.

וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין מַאמֶע צוּעֶסְן, נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם סְפָרִים שַׁאנְק אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ מֶדְרָשׁ אוּן נָאךְ, אוּן גֶעלֶערְנְט אַזוֹי בִּיז זַיין מַאמֶע הָאט עֶר אִים גֶערוּפְן צוּ קוּמֶען עֶסְן נַאכְטְמָאל.

זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַחְמָן הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר דִינְט אַזוֹי עֶרְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אִים אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: אַבְרָהָם, אַנְטְלוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, חוּץ לָאָרֶץ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען דַיין קְדוּשָּׁה". רֶבִּי אַבְרָהָם פְלֶעגְט שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַז עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט דֶעמָאלְט גֶעפָאלְגְט זַיין טַאטֶע אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן.



מוהרא"ש זי"ע - פורים תשס"ו

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט תְּשׁוּבַת הַקָּנֶה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן פַאר לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם פַארְלוֹירְן דִי דִיבּוּר

עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען אַ זֶעקְל סְפָרִים, אַ תַּנַ"ךְ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, סִפְרֵי רַבֵּינוּ. עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען אַפָּאר בְּרוֹיטְלֶעךְ, אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ אַ וַואלְד נֶעבְּן דֶעם וַואסֶער, וָואס דָארְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מָקוֹם קָבוּעַ. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזִיצְן דָארְט בִּיז עֶרֶב שַׁבָּת. דָאס אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַפָּאר יָאר בִּרְצִיפוּת.

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, וַוייט פוּנֶעם פְלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן וואוֹינֶען, עֶר פְלֶעגְט דָארְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁוָואלְן פוּן אַזוֹי סַאךְ וֵויינֶען. דָארְט הָאט עֶר מְחַבֵּר גֶעוֶוען הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע לֶעכְטִיגֶע גִלוּיִים אוֹיף דִי תּוֹרַת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס מַאכְט לֶעכְטִיג יֶעדְן וָואס לֶערְנְט דָאס.

(ספר אילן החיים סימן קע"ו-קפ)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- מ"ט -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** נָאךְ שָׁבוּעוֹת, אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער אֵייְדֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, דֶער צַדִיק ר' יִצְחָק. עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין זְלַאטִיפָּאלְיֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ מִיט טְרֶערְן אוֹיף דִי בַּאקְן פוּן דִי וִידוּי דְבָרִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן. אוּן עֶר אִיז דֶערְוַוייל אַרַיין אִין שׁוּל אוּן דָארְט גֶעוַוארְט.

* * *

סְ'אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין שׁוּל אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעוִוינְקֶען פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְצוּגֵיין. יֶעדֶער הָאט אוֹיסְגֶעטוּן דִי טַלִית אוּן תְּפִלִּין אוּן אִיז אַרוֹיס, ר' יִצְחָק הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי קְלַאמְקֶע אוּן פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל נָאר דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן פַארְרֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע אוּן הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ. עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף ר' יִצְחָק גָאר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פוּן זַיין יוּגְנְט בִּיז יֶענֶעם טָאג. דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הַיינְט זָאג!", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְוַודֶה זַיין דֶעם גַאנְצְן הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן גֶעעֶפְנְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּנֶעם אוֹר הַגָּנוּז, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט.

נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס ר' יִצְחָק, דֶער אֵייְדֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אוֹר הַגָּנוּז" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו).

נָאךְ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי פָּאלְגְנְד, "אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אַרוּם פַאר אַסַאךְ יָאר מִיט אַ מַחְשָׁבָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, פוּן יֶענֶע וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט מִיר אִיבֶּער דֶעם אָבֶער סְ'אִיז אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען. אוּן וֶוער קֶען דֶען וִויסְן וָואס עֶר טְרַאכְט? וֶוער אִיז דֶען אַ נָבִיא צוּ וִויסְן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת?

"דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען דָא אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז סְ'קוּמֶען צוּ מִיר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אוּן סְ'הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אֵיינֶער אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז נָאר מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט אִים. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי טוּעֶן דָא, הָאט דֶער עִיקָר מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי מַחְשָׁבָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט אִים גֶעצְוִוינְגֶען עֶר זָאל שְׁוֶוערְן מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אַז עֶר וֶועט אַהֶערְקוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר יֶעצְט גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיבֶּער דִי מַחְשָׁבָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ מַחְשָׁבָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט. אוּן דַאן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט.



"שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען גֶעזֶעגֶענֶען פַארְ'ן אַהֵיימְפָארְן, וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט זַיין מַחְשָׁבָה מִיט וָואס עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם. אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן פְרֵיילִיךְ דֶערְפוּן אַז אִיךְ הָאבּ צוּגֶעטְרָאפְן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# דער צדיק ווערט א מענדשער

ישראל דוד העסקעל

**ווילסט** גיין צו א רעסטוראנט? אפשר א וויקענד אין פלארידע? זאל מען זיך אריבערכאפן אויף שווייץ גיין אביסל סקיען? אפשר קיין פאריז גאר? די אייפעל טורעם דארט איז דארט אויך איז דא אסאך אידישע קהילות מיט געשעפטן, ניין? זאל מען גיין קיין ארץ ישראל? גיין פאר צוויי וואכן געהעריג וועקעישאן ארץ ישראל איז אייביג א גוטע פלאץ צו גיין ניין? וואס יא?

אפשר קאנקאָן?! ווילסט גיין קיין מעקסיקע צו עפעס א רייכע רעזארט? די בהאמאס? סקיי דייווינג? פערע שאוטינג? וואס נאך?

אפשר ווילסטו דשולערי? איבערמאכן די קאך? איבערמאכן די גאנצע הויז? נייע מעבל? א נייע קאר? אפשר א קאנדעלאברע לייכטער מיט צוועלף צווייגן? א גיפט קארד? וואס נאך?

מיין טייערע ווייב ס'קומט דאך יעצט אונזער אנעווערסערי וואס קען איך דיך געבן? וואו קען מען גיין? וואס זאל מען טון? וואס קען איך דיר געבן?

****

דער צדיק רבי משה פשעווארסקער



שלעפט זיך ארום אויף שטעגן און וועגן פון איין שטעטל צום צווייטן זאמלען געלט פאר צדקה.

איין טאג קומט ער אן אין עפעס א דערפל און קלאפט אריין ביי א נגיד אינדערהיים און ער בעט אים פאר צדקה.

דער נגיד נעמט אויף די צדיק און הייבט זיך אן אויסוויינען פאר אים זיין ביטער פעקל -

מיין גאנצע ביזנעס און מיין גאנצע רייכטום איז דורך א פאבריק וואס איך האב אויפגעשטעלט וואס פראדוצירט שוועבלעך.

איך בעצם קען זיך גארנישט אויס אינעם פאבריק איך ווייס נישט די א' ב' ווי אזוי צו פראדוצירן שוועבלעך ווי אזוי די מאשינען ארבעטן ווי אזוי צוזאמען צו שטעלן אלע כעמיקאלן פאר דעם שוועבל מיין חכמה איז אז איך האב געהאט דא איינער אן ענדשעניר גאר א געלערנטער ער האט זיך



גאר גוט אויסגעקענט מיט די גאנצע פראדאקציע פון די שוועבלעך סיי ווי אזוי די מאשינען ארבעטן און אויך ווי אזוי צו מישן די כעמיקאלן וואסערע האלץ איז די ריכטיגע האלץ צו ניצן פאר די שוועבלעך און אזוי ווייטער.

ווען עפעס פלעגט פאסירן אז א מאשין האט זיך צובראכן אדער ס'איז נישט געווען צו באקומען פון א געוויסער סארט כעמיקאל האט דער ענדשעניר גלייך געוויסט ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן.

איך פלעג אים צאלן א גרויסע געהאלט און ער האט געפירט דאס גאנצע ביזנעס עד כדי כך אז איך האב גארנישט בכלל געוואוסט ווי אזוי זאכן ארבעטן און אזוי בין איך רייך געווארן דאס איז מיין פארמעגן.

יעצט אבער האט פאסירט א שרעקליכע אומגליק דער ענדשעניר איז געשטארבן און ס'נישט דא ווער ס'זאל אנפירן די פעקטערי ס'איז נישט דא איינער וואס זאל זיך אויסקענען מיט די אלע טייערע מאשינען און כעמיקאלן און ס'קוקט אויס ווי די גאנצע ביזנעס גייט אונטער גיין ח"ו!

רבי וואס טו איך?

דער צדיק זאגט אים הער צו איך ווייס נישט צו איר ווייסט אבער איך בין גאר א פיינער ענדשעניר אויב ווילסטו קען איך גיין צו דיין פעקטערי און אלעס מסדר זיין...

דער נגיד קוקט אן דעם צדיק מיטן גרויסן הוט און רבישן פעלץ מיטן לאנגן ווייסע בארד מיט די ווייסע זאקן... דו?! ענדשעניר?! ס'האט אים שיעור געקאסט א לאַך וואס ענדשעניר ווען ענדשעניר? וואס קען שוין דער צדיק וויסן פון א שוועבל פאבריק צו זאגן...

אבער דער צדיק לאזט נישט נאך מיין טייערע ידיד איך וויל דיר נאר העלפן גלייב מיר איך קען דיר צוריקשטעלן די גאנצע פאבריק אויף די פוס!

דער נגיד טראכט צו זיך וואס קען איך שוין פארלירן?! נא נא זאגט ער פארן צדיק דא האט איר די שליסלעך אדרבה הלוואי זאלט איר טאקע קענען צוריק אויפלעבן מיין ביזנעס.

דער צדיק גייט אריין אין פאבריק און פרעגט דער וואס שטייט ביים מאשין וואס פלעגסטו טון ביז יעצט ווען דער אלטער מענעדשער האט נאך געלעבט?

ענטפערט ער איך פלעג שטיין דא ביים מאשין און דאס אנפירן מאכן זיכער אז אלעס פירט זיך גלאטיג...

זאגט אים די צדיק אויב אזוי זאלסטו ווייטער אזוי טון...

און וואס וועט פאסירן אויב עס וועט זיך צוברעכן פרעגט דער ארבעטער?

ענטפערט די צדיק וואס פלעגט דער אלטער מענעדשער דיר זאגן צו טון ווען עס פלעגט זיך צו ברעכן?

אה דער אלטער מענעדשער פלעגט זאגן אז ווען דא צוברעכט זיך זאל מען עפענען דארט יענעם שרויף און אריינגיסן אביסלע אויל און נאכדעם האט עס ווייטער פיין געארבעט.

זאגט אים דער צדיק דאס זאלסטו ווייטער טון!

און אזוי איז ער געגאנגען צום כעמיקער און מיט אים געהאט דעם זעלבן שמועס ער האט אים געזאגט אז אלעס וואס דו פלעגסט טון מיטן אלטן מענעדשער דאס זאלסטו ווייטער טון און ווען ס'פאסירט א פראבלעם דערמאן דיך וואס פלעגט דיין אלטער מענעדשער דיר זאגן צו טון אזוי זאלסטו טון.

אזוי איז ער אריבער די זעלבע מיט אלע ארבעטער אינעם פאבריק.







שפעטער קומט דער בעל הבית אריין אינעם פאבריק און קען נישט גלייבן וואס זיינע אויגן זעען אלעס פארט ווייטער כאילו לא היה!

***

דער אינגערמאן איז געווען א געהעריגע נארמאלע געסעטלטע אינגערמאן וואס בעצם פעלט אים גארנישט אין לעבן ווען איין טאג טרעפט אים אן א מפיץ און דערלאנגט אים א 'קרית ברסלב בלעטל'.

ס'האט אויסגעקוקט אינטערעסאנט און ציענד האט אים דער איד געגעבן אביסל צדקה און גענומען דעם בלעטל פון אים.

א נייע וועלט האט זיך פאר אים געעפנט א וועלט פון קענען לערנען אויפן דרך הלימוד א וועג פון קענען מחנך זיין די קינדער א וועג פון קענען לעבן שיין מיט די ווייב האבן א געשמאקע אטמאספער אין שטוב.

ער האט פון ניי אנגעהויבן צו לעבן מיט די זיסע לעכטיגע עצות פון רבין וואס דער ראש ישיבה געבט אונז איבער און זיין לעבן האט זיך אינגאנצן איבערגעקערט.

****

מיין טייערע מאן לכבוד אונזער אנערווערסערי בעט איך פון דיר איין זאך טו ווייטער וואס דו טוסט ביז יעצט איך דארף גארנישט נאר דו זאלסט ווייטער זיך אויפפירן ווי אזוי דו ביסט זייט דו ביסט מקורב געווארן צו היכל הקודש צו דער ראש ישיבה!

וואויל איז אונז אז מיר געפונען זיך אין אזא לעכטיגע ווינקל מיט אזעלכע זיסע לימודים און עצות ווי אזוי צו קענען האבן א זיסע לעכטיגע לעבן!

ווער עס לעבט מיט די זיסע לעכטיגע עצות וואס דער ראש ישיבה געבט אונז, דער לעבט א חיים טובים אלעס איז אים גוט!

און חלילה אויב וועסטו קליגער ווערן און בעסער פארשטיין און זיך נישט אויפפירן אין שטוב אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז דאן וועסטו קענען טראגן דיין ווייב ביז די לבנה און ס'וועט דיר אויך נישט העלפן.

דער ראש ישיבה פארציילט אז א אינגע פארפאלק זענען געגאנגען צו די זיידע אויף יו"ט און די באבע רופט די אייניקל אין א זייט און געבט איר גאר א טייערע נייע צירונג.

דער אייניקל פרעגט די באבע פארוואנדערט פארוואס געבסטו מיך אוועק די צירינג?

זאגט די באבע דאס האב איך באקומען פון זיידי אבער איך וויל עס נישט האבן ביי מיר ווייל א גאנצע יאר רעדט ער נישט שיין צו מיר וועגן דעם דארף איך נישט דער צירינג איך וויל עס נישט האבן ס'האט נישט קיין שום טעם פאר מיר....

אז א מענטש האט שכל און פירט זיך שיין אין שטוב אזוי ווי מ'לערנט אויס אין היכל הקודש נישט טעהנען מיט די ווייב נישט ענטפערן די ווייב מכבד זיין די ווייב וועט דיין ווייב שוין גארנישט וועלן, זי וועט נאר וועלן אז דו זאלסט ווייטער פאלגן וואס דער ראש ישיבה לייגט אין אונז אריין די וועג פון לעבן ערליך ווי די תורה זאגט!

אשרינו אז מיר זענען זוכה נאך א טאג צו זיצן אין חדר היכל הקודש און קענען פאלגן די זיסע לעכטיגע עצות!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

טייערע ברידער
העלפט אייערע
הארציגע ברידער

# הכונו

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

היכל הקודש

## בריוו פונעם ראש ישיבה

**בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ט שבט, שנת תשפ"ב לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ערשטנס זאלסטו זיך זייער שטארקן אין דיין הייליגע ארבעט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, יח): "הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", ווער עס איז מזכה אידישע קינדער - היט אים דער אייבערשטער אפ פון שלעכטס; **נישטא נאך אזא מזכה את הרבים ווי דער וואס דרוקט די ספרים און קונטרסים און פארשפרייט דאס פאר אנדערע.**

אויף דיין פראגע, ווען מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט דרוקן זיינע ספרים וועט האבן א ישועה - צי מיינט דאס נאר איין ישועה אדער קען מען דאס טון פאר כמה וכמה ישועות; אודאי און אודאי, ווער עס העלפט דרוקן די ספרים קען דאס טון פאר כמה ישועות און מען וועט זען גרויסע נסים.

אויף דיין פראגע אויב די הבטחה פון מוהרא"ש איז נאר פאר ווער עס דרוקט אשר בנחל, אדער דאס איז אויך אויף די אנדערע ספרים; **אלע קונטרסים און ספרים וואס מוהרא"ש האט געשריבן - האבן אין זיך די הבטחה אז ווער עס וועט נעמען א חלק און וועט דאס דרוקן - וועט זען ישועות,** בפרט דעם ספר אשר בנחל, דארט האט מוהרא"ש מבטיח געווען מיט א שטארקע הבטחה אז מען וועט זען גרויסע ישועות.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן כח ווייטער ממשיך זיין מיט דיין הייליגע ארבעט**

## א מעשה פון הפצה

יצחק אייזיק ראזענבוים דערציילט:

פאריגע וואך פרייטאג צונאכט בין איך געגאנגען צו א משפחה וואס בעטן כסדר איך זאל זיי ברענגען יעדע וואך די גליונות, איך בין אריבער געגאנגען צו זיי אינדערהיים נאכן דאווענען, איך קלאפ אויפן טיר, עס איז טונקל, קיינער איז נישט דארט, זעט אויס זיי האבן פארגעסן צו מעלדן אז זיי זענען נישט דארט אויף שבת.

איך האב יעצט א איבעריגע פעקל גליונות, איך טראכט צו מיר פאר וועמען גיי איך עס געבן, הייליגער באשעפער העלף א איד זאל זיך קענען מחי'ה זיין מיט דעם, איך גיי ווייטער און איך טרעף נישט מער און נישט ווייניגער דער אינגערמאן (וואס איך האב פארציילט פאריגע וואך איבער אים) קומט מיר אנטקעגן, איך זאג אים אז איך האב יעצט געוואלט טראגן דעם פעקל פאר א משפחה און זיי זענען נישטא, און איך טראכט וואס צו טון מיט דעם.

זעסטו שוין מן השמים האט מען צוגעפירט מיר זאלן זיך יעצט טרעפן פונקט יעצט אין די מינוט פאר איך גיי אריין אין מיין הויז.

איך האב געגעבן די גליונות ער האט זיך אזוי געפריידט, עס איז געווען ממש א גלעט פון הימל צו זען אז מן השמים האט מען צוגעפירט אז דער מפיץ זאל גיין און ער זאל קענען באקומען דעם פעקל.

שכח אייבערשטער

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## הערליכע נייע חינוך קונטרס פון ראש ישיבה שליט"א ארויסגעקומען

ווי שוין באריכטעט געבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל ארויס יעדע וואך די אויפגעכאפטע גליונות "שיעורי חינוך" וואס ווערט צושפרייט אין גאנצע אידישע וועלט. יעצט האט מען באשלאסן אז מען וועט מאכן דערפון קונטרסים.

יעצט איז ב"ה ארויס די ערשטע קונטרס, דער ראש ישיבה שליט"א האט עס איבערגעקוקט און שטארק מפליג געווען. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען מאכן א קונטרס פון אלע אנדערע שיעורים אין חינוך, א נושא וואס יעדער מחנך אדער טאטע מאמע זוכט מיט לעכט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס פארציילט אז ער האט געהערט פון עטליכע היימישע קאר סערוויס דרייווערס אז רוב פון זייערע טריפס וואס זיי מאכן, כמעט נייציג פראצענט, איז צו טראגן קינדער פון חדר און סקול צום טעראפיסט, און צוריק צום חדר און סקול.

דער קונטרס און די קומענדיגע קונטרסים וועלן געבן פאר די מלמדים און טיטשערס די וועג פראקטיש און תורה'דיג וויאזוי מען געבט אריין אין קינדער סעלף קאנפידענץ, וויאזוי זיי זאלן ליב האבן אידישקייט און תורה ומצוות. וויאזוי מען זאל רעדן צו קינדער פון אמונה, פון קדושה, און אזוי ווייטער.

ווער עס וויל האבן א חלק און נעמען די הוצאות פון א קונטרס אדער א חלק קען זיך ווענדן צום גבאי פון קרן הדפסה מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449. דער ערשטער קונטרס מיטן נאמען "יסודות אין חינוך" איז שוין דא צו באקומען ביי די מפיצים.

**כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים**

# בילדער פון קרן הדפסה


מען דרוקט מגילת אסתר עם גנזי המלך


נייע קונטרס "יסודות אין חינוך"


פילע לשון קודש קונטרסים איבערגעדרוקט


## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן געטומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**אליעזר שמן**
קרית ברסלב

**שלמה זלמן גלאנשטיין**
וואדרידש

**שאול חיים איינהארן**
סטעטן איילענד

**מרדכי גפן**
מאנסי

**רחמים דבריוב**
פלעטבוש

**לוי יצחק זאפיר**
בארא פארק

**אברהם צוויבל**
קרית ברסלב

**יוסף פארטיגאל**
וויליאמסבורג

**אייזיק קאהן**
דזשערסי סיטי

**יוסף הכהן פריעדמאן**
קרית ברסלב

**ישראל שמעון שטיינבערג**
בארא פארק

**אפרים נובגורודסקי**
לאנדאן

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449



# דער
# רבינ'ס משמש

אינהאלטסרייכע שמועס מיטן **רבינ'ס געטרייער משמש**, דער איבערגע-געבענער מלמד תשב"ר, געשמאקער גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, טאלאנטפולער אינטערוויוער אויף קול ברסלב // **מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א**

נפתלי הירצקא וואללנער



**אפרייליכן חודש אדר! ר' יואל וואס מאכט מען עפעס גוטס?**

ש כ ח אייבערשטער! דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר, דו קענסט דיך נישט פארשטעלן! האסט נישט קיין אהנונג וויפיל ניסים און חסדים דער אייבערשטער טוט מיט מיר.

קודם פותחין בכבוד האכסניא, א גרויסן יישר כח ר' הירצקא פאר די אלע שיינע אינטערוויוס וואס דו שרייבסט, עס איז אזוי געשמאק און ציענד. ס'פילט זיך זייער קאמיש צו זיין אויף די אנדערע זייט מטבע, איך בין געווענליך דער וואס מאכט די אינטערוויו און יעצט דארף איך זיין דער וואס ענטפערט, ווייל וואס מ'טוט פאר יענעם קומט צוריק צו זיך אליין און נאך מיט פראצענט... [עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז אויף 'קול ברסלב' איז שוין דא א אינטערוויו ווי איך ווער אויסגעפרעגט דורך מיין ידיד מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו אויף 2-2-4-1 און דערנאך #18].

**פאר מען גייט אריין אינעם שמועס איבער דיינע פעילות און גוטע זאכן וואס דו טוסט, ווילן מיר קודם הערן אין געציילטע ווערטער, ווי אזוי זענט איר מקורב געווארן צו מוהרא"ש זי"ע?**

דער אייבערשטער האט מיט מיר געטון א געוואלדיגע חסד אז איך האב זיך דערוויסט פון אזא גרויסע רבי, א רבי וואס מאכט מיך עפענען מיין מויל צום אייבערשטן, א רבי וואס מאכט מיך טראכטן פונעם אייבערשטן, און טראכטן פון תכלית.

מיין סיפור התקרבות איז איינגעטיילט אין עטליכע פאזעס; ביי מיין בר מצוה האט מיר מיין זיידע הרה"ח ר' אליעזר חיים טייטלבוים ז"ל - וואס האט זייער מכבד געווען און טייערגעהאלטן די ספרים פון מוהרא"ש - מיר שטילערהייט געגעבן דרשה געשאנק דער ספר אשר בנחל חלק ו', און ער האט זייער שיין אריינגעשריבן אפאר ווערטער אינעם ספר. איך האב דעם ספר אדורכגעלערנט און זיך ממש באלעקט די פינגערס, איך האב מיר זייער צוגעקלעבט צו דעם.

אגב, איז אינטערסאנט צוצולייגן אז מיין זיידע האט געדרוקט דעם תיקון הכללי, און געגעבן פאר אלע אייניקלעך לעילו נשמת די באבע ע"ה, דאס ווערט נאך גענוצט ביזן היינטיגן טאג ביי אונז אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל פרעמישלאן.

שפעטער אלס אינגער בחור האב איך געטראפן ביי א שמחה אין בית רחל זאל אין וויליאמסבורג [אדער ווי עס ווערט היינט גערופן פרדס יואל/פרדס משה] המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א, וואס ער האט מיר דארט מזכה געווען מיט א קונטרס פון מוהרא"ש, וואס דאס האט מיר נאך מער אריינגעשלעפט אין היכל הקודש. אויך האב איך געטראפן אן איידעם פון ר' נתן דער מלמד מומחה מו"ה נחמן ניישטיין שליט"א וואס איך האב געהאט מיט אים גוטע שיחות חברים.

**אויב איך מעג פרעגן, איר זענט דאך עלטער פון דער ראש ישיבה, ווי אזוי איז אייך נישט געווען שווער צו נעמען א מורה דרך וואס איז יונגער פון אייך?**

קודם דאנק איך דעם אייבערשטן אז איך בין נישט צופיל עלטער, ווען יא ווייס איך נישט צו איך וואלט געקענט דורכמאכן די נסיון... איך האב אמאל געהערט א שטארקע נקודה פון מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א: "ווען איינער גייט אריין אין א פארמעסי [אפטייק] שטעלסטו נישט אפ דער פארמעסיסט [אפטייקער] "אנטשולדיגט ווי אלט זענט איר? איר זענט עלטער צו אינגער פון מיר?"... קיינער פרעגט נישט אזוי, ווייל דער עיקר איז צו ער קען מיר דעליווערן עפעס וואס קען מיר היילן!

מוהרא"ש האט אראפגעבערענגט אן אור און געשריבן גאר אסאך ספרים און קונטרסים, כמספר האלף לך שלמ"ה, צו מוהרא"ש האבן זיך בעיקר צוגעכאפט תמימות'דיגע אידן ווי אחינו בני ישראל הספרדים, אבער דער ראש ישיבה'ס ספעשעלטי איז צו נעמען אלטגעזעסענע אונגארישע חכמים, א שטייגער ווי מיר, און מאכט מיר זיין נאנט צום אייבערשטן דורך די זיסע עצות.

צו פארשטיין די לימודים פונעם הייליגן רבי'ן מוז מען צוקומען צו די ליקוטי הלכות פון זיין תלמיד רבי נתן, און כדי צו פארשטיין די ליקוטי הלכות מוז מען צוקומען צו די הקדמות פון מוהרא"ש, און אזוי ווייטער ביזן היינטיגן טאג.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדריקט אין שפיטאל, איידערן פארלאזן דעם עולם, פאר זיין פריוואטער דאקטער וואס איז אלץ געשטאנען צו זיין רעכטע האנט - מו"ה יצחק ראזענבערג ע"ה בזה הלשון: "דער ראש ישיבה איז אן אויסגעבעטן קינד".

דער אייבערשטער זאל ווייטער געבן כח פארן ראש ישיבה אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון אריינברענגען דעם אייבערשטן אין די גאנצע וועלט.

**זייער גוט ארויסברענגט. יעצט וויל איך אריבערגיין צו די גבאות חלק, אזוי ווי מיר וויסן זענט איר גבאי אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל אויף די פרעמישלאן גאס בשכונת עצי תמרים, ווי אזוי און ווען האט זיך דער בית המדרש געגרינדעט?**

דער ערשטער בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל איז געווען אויף העיס קארט ביים שטוב פון הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א, וואס דאס גייט נאך אן ברוך השם ביזן היינטיגן טאג. מיר

פלעגן אלעמאל אראפגיין צו דעם בית המדרש אין צענטער פון קרית יואל, אפילו עס איז געווען א גרויסע טירחה אראפצוגיין דאווענען צוליב דעם לאנגן וועג, אבער מען האט זיך געשטארקט מיט דאס וואס דער ראש ישיבה לייגט אראפ ווי אזוי עס קוקט אויס יענע וועלט, דער ראש ישיבה זאגט: "ווען דו גייסט ארויפקומען אויף יענע וועלט גייסטו זאגן אז דו ווילסט גיין אין רבי'נס היכל, גייט מען דיך ענטפערן "אבער עס איז זייער ווייט, דאווען דא אין א לאקאלע שול". אבער אז דו האסט זיך געשלעפט אויף דער וועלט צו א היכל הקודש בית המדרש, וועסטו קענען ענטפערן ביים בית דין של מעלה אז ווען איך האב געלעבט בין איך געגאנגען צום רבי'נס בית המדרש טראצדעם וואס עס איז געווען ווייט, במילא דארף מען מיר אריינלאזן.

שפעטער נאך אפאר יאר האט מען געזען אז עס איז דא גענוג אינגעלייט וואס וואוינען אין מיין געגענט, האט מוהרא"ש געראטן אז יעצט איז די פאסיגע צייט צו עפענען א שטיבל אין די נייע שכונת עצי תמרים. אנגעהויבן האט זיך עס ביים שטוב פון מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו וואס האט דעמאלט געוואוינט אין עצי תמרים געגענט, מען האט געדאווענט דארט פרייטאג צונאכטס, און ביי שלש סעודות. נאכדעם איז עס אריבער דארט ווי עס איז היינט, אונטער מיין הויז אויף די פרעמישלאן גאס, וואס דינט ווי א לייכטורעם פאר די גאנצע אומגעגנט, עס קומען צו אלע תפילות אויף פרעמדע מענטשן און לאקאלע איינוואוינער וואס ווילן זיך אנווארעמען מיט די ווערטער און חיזוק פון הייליגן רבי'ן.

**וואס זענען די אוועקגעשטעלטע תקנות אין דעם בית המדרש?**

מוהרא"ש האט אראפגעשטעלט פאר תלמידי היכל הקודש אין קרית יואל ספעציעלע הוראות און תקנות,












ווי מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל חלק ד' מכתב שנ"ה, דער בריוו איז אדרעסירט צו די גבאים פון בית המדרש היכל הקודש קרית יואל [אגב הענגט דער בריוו אין בית המדרש היכל הקודש אויף העיס קארט] נאכדעם וואס מוהרא"ש שטעלט אוועק די תקנות פון א בית המדרש היכל הקודש שרייבט מוהרא"ש: "גלייבט מיר, אויב איר וועט זיך אזוי פירן, וועט איר מקדש זיין דעם נאמען פון דעם גרינדער פון דאס הייליג שטעטל קרית יואל, ווארום ער האט אזוי געוואלט אז אין זיין שטעטל זאל זיין א ווינקל פון יראת שמים, און מען זאל אכטונג געבן עס זאל נישט זיין אפילו א שמץ פון כפירות און אפיקורסות און מינות און טומאת הציונות, דער הייליגער רבי מהר"י ט"ב זי"ע האט אזוי געוואלט אז אין זיינע ד' אמות זאל זיך נישט געפונען קיין איינער וואס האט שייכות צו די מינים און פושעים".

שפעטער אינעם בריוו שרייבט מוהרא"ש: "איבערדעם בעט איך ענק, אז איר האט זוכה געווען צו אויפמאכן אין קריה נאמנה קרית יואל א ברסלבער שטיבל, זאל דאס ערשטע זאך דאס געפירט ווערן על טהרת הקודש און אויספאלגן די תקנות פון שטעטל, ווארום דאס שטעטל איז אויפגעשטעלט געווארן מיט בלוט וואס דער הייליגער מהר"י ט"ב זי"ע האט אריינגעלייגט אין דעם ווער ס'קען דאס נישט באווייזן זאל גיין לחיים ולשלום".

**פאר א שיינע שבת אדער יום טוב פרעגט איר דער ראש ישיבה ווי אזוי זיך צו פירן אדער איר האט שוין גענוג ערפארונג?**

איך ווייס גארנישט... איך הער ביים שיעור ווי אזוי זיך צו פירן, און מ'ליינט די בריוון. דער עיקר פירט מען זיך זייער שטארק באחדות איינער מיטן צווייטן, מען איז יעדעם

זייער שיין מכבד, און מ'פירט זיך מיט אלע למודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז.

**איר האט שוין אמאל באקומען אן הוראה פון דער ראש ישיבה שליט"א לגבי פירן דאס בית המדרש?**

איך באקום כסדר הוראות אויף אלע נושאים ווי אזוי צו פירן א בית המדרש, יעדע וואך באקום איך פונעם ראש ישיבה א גאנצע פעקל פערזענליכע בריוו געשריבן פאר מיר, אפאר מאל שרייבט דער ראש ישיבה אינעם בריוו "ליבערטי", אמאל "ירושלים" און "אמאל בארא פארק", אלע בריוו שרייבט דער ראש ישיבה פאר מיר, יעדע בריוו איז פאר מיר געשריבן געווארן און יעדע בריוו האט מיט מיר צוטון, פון יעדע קונטרס 'עצתו אמונה' באקום איך קלארע תשובות אויף אלע שאלות און ספיקות. מ'האט געפרעגט אמאל הרה"ק רבי אלעזר ליזענסק'ער דער זון פונעם הייליגער רבי רבי אלימלך זי"ע אויב זיין טאטע האט איבערגעלאזט א צוואה? האט ער געענטפערט אז יעדע תורה אין דעם הייליגן ספר נועם אלימלך איז ווי א צוואה.

אויך פון די שיעורים באקום איך א תירוץ אויף מיינע שאלות, ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט דעם פארגאנגענעם מיטוואך תצוה אין ישיבה "טאמער איינער האט א שאלה זאל ער עס טראכטן בשעת די שיעור און עס וועט פארענטפערט ווערן", עס איז בדוק ומנוסה ממש פלאי פלאים.

**עפעס א טיפ וועגן פירן א בית המדרש פון אייער ערפארונג וואס יעדער קען נאכמאכן?**

עס איז גאר וויכטיג צו ארבעטן צוזאמען מיט אלע מתפללים אז יעדער זאל האבן א חלק אינעם שול, יעדער זאל האבן א פאסטן אין שול, און דאס האט צוויי מורא'דיגע מעלות, איינס אז דער בית המדרש פאלט נישט לעול נאר אויף איינעם, און די צווייטע זאך איז אז יעדער ווערט א חלק פון דער בית המדרש, איינער רופט אויס די עליות, איינער לייגט טישטיכער, איינער רייניגט, און איינער ליינט, אזוי אז יעדער איז פרייליך און צופרידן.

דער עיקר טיפ איז תפילה, אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דער בית המדרש זאל זיין א געשמאקע ווינקל וואס ברענגט אידן נענטער צום אייבערשטן.

***

**עס גייען ארום קלאנגען איבער דעם הערליכן תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב אין קרית יואל ווי מ'איז מחנך די קינדערלעך אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש זי"ע, און אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז, ווי אזוי האט זיך דאס געגרינדעט?**

געווען איז דאס ביי די קאראנע עפאכע וואס האט פאראורזאכט אז



די תלמוד תורה׳ס זאלן זיך דארפן פארשפארן, דעמאלט האט דער ראש ישיבה געשריבן אין א בריוו אז עס דרייען זיך ארום קינדער הונגעריג און מ׳זאל זיי געבן צו עסן. איך האב גלייך פארשטאנען אז מ׳רעדט דא פון רוחניות׳דיגע עסן, האט מען טאקע גלייך אין סאמע ברען פון די עפאכע געעפענט די חדר און די בית חינוך לבנות ״בית פיגא״ כדי ס׳זאל זיין תורה מגינה ומצלה פאר די גאנצע שטאט, און איינמאל מ׳עפענט גייט מען נאר ווייטער, מען גייט נישט אויף צוריק.

מיר ווילן דא ציטירן עטליכע אויסשניטן פון די בריוו וואס דער ראש ישיבה שרייבט אין יענע שווערע צייטן, ווען אלע מוסדות זענען נאך געווען אינטער שלאס און ריגל האט דער ראש ישיבה געשריבן מיט רמזים, דער ראש ישיבה שרייבט ווי פאלגענד:

*״בעזהשי״ת מוצאי שבת פרשת שמיני ב׳ כ״ד ניסן שנת תש״פ לפ״ק*

*האסט אודאי געהערט די ביטערע גזירה, אז די רעגירונג לאזט נישט צוריק עפענען די חדרים, מיר דארפן וויינען און שרייען צום אייבערשטן אז די גזירה זאל בטל ווערן, ווייל די גזירה איז אן ערגערע גזירה ווי די גזירה פון קאראנע. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גזירה זאל בטל ווערן, מען זאל צוריק עפענען די חדרים און ישיבות בקרוב*

*מיר ווילן ווייטער טיילן עסן אין וויליאמסבורג סיי פאר אינגלעך סיי פאר מיידלעך און אויך פאר בחורים; פון מארגן זונטאג וועט מען טיילן יעדן טאג עסן . פינעף אזייגער וועל איך מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף געבן עסן פאר די בחורים. איך וועל רעדן צו אינגעלייט זיי זאלן דאס אויך נאכטון אין קרית יואל, רחמנות האבן אויף די קינדער און זיי געבן עסן״*

**וויפיל יאר ערפארונג האט איר שוין אינעם פעלד פון מלומדות?**

איך בין שוין א מלמד ברוך ה׳ פינף און צוואנציג יאר, עס האבן זיך שוין דורכגעדרייט ביי מיר הונדערטער תלמידים, אבער איך הייב אן יעדן טאג פון דאסניי, מ׳דארף יעדן טאג פריש מתפלל זיין שלא תצא מכשול מתחת ידי.

**מיט וואס איז תלמוד תורה היכל הקודש א יחיד במינו?**

אין היכל הקודש לייגט מען א שטארקע געוויכט אויפצובויען די קינדער אויף זייער גאנצע לעבן מיט אמונה און בטחון, יראת שמים און מידות טובות. מען לייגט א געוויכט אז די לימודים זאל מען קענען מיטנעמען אויפן גאנצן לעבן, למשל מען לייגט אריין אינעם קינד אזא שטארקע אמונה אז זיין גאנץ לעבן זאל ער דאס געדענקען און וויסן אז ער איז נישט אליין, ער איז קיינמאל נישט פארלוירן, ווייל דער אייבערשטער איז אלעמאל מיט אים, נישט קיין חילוק וואס ער וועט אויסוואקסן, צו א ארבעטער אדער א כולל אינגערמאן, זאל ער וויסן פארוואס ער לעבט און פארוועם ער דארף געפעלן.

**ווי מיר הערן האט יעדעס קינד אין אייער תלמוד תורה א צונאמען, וואס ליגט אונטער דעם?**

איך גיי נישט אוועק פון די מסורה, מיינע מלמדים האבן אויך געהאט טיטלען און שפריכווערטער אויף יעדע קינד, איז טו איך עס נאך, אבער מיט א אנדערע קנייטש, איין קינד הייסט ׳אמונה צדיק׳, איינער הייסט ׳בטחון צדיק׳, ׳גליקליכער צדיק׳ ׳דרך ארץ׳דיגער צדיק׳ ׳הייליגער צדיק׳ וכו׳, מען זאל נישט חס ושלום זאגן אז ברסלב גייט אוועק פון די מסורה...

**וועלכע גוטע טיפ אין חינוך קענט איר איבערגעבן, נאכן האבן אזויפיל יאר ערפארונג.**

איך קען זאל איין גאר וויכטיגע זאך; ווען די קינדער מיטן מלמד זענען גוטמוטיג און פריילעך, דעמאלט כאפן די קינדער אלעס אויף שנעל און געשמירט מיט א געשמאק, אבער ווען די לופט איז אנגעצויגן און נערוועז, דעמאלט גייט גארנישט אריין אין די קינדער׳ס אויערן, מען רעדט צו די פיר ווענט.

***

**לאמיר זיך אריבערכאפן צו די נושא פון אינטערוויוס, ווען האט זיך אנגעהויבן די געשמאקע פרייליכע אינטערוויוס אויפן האטליין ׳קול ברסלב׳ אויפן קנעפל נומער 2-4-1?**

אגב, 142 באטרעפט א-ד-ר... בעצם האט זיך די גאנצע זאך אנגעהויבן פון איין גרויסער טעות און פון דעם איז ארויסגעקומען אזא שיינע זאך, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז בכלל נישט געווען קיין טעות. די מעשה גייט צוריק מיט פיר יאר צוריק ביי די גראנדיעזע מעמד סיום הש״ס אין קראון פלאזא האטעל בשנת תש״פ, האט מו״ה ר׳ ישראל סאמעט הי״ו געוואלט אהערשטעלן א פרעזענטאציע אויפצושפילן אינטערוויוס מיט אידן וואס האבן צו דערציילן סיפורים און עובדות פון מוהרא״ש זי״ע, האט ער מיר געבעטן אויב איך קען אפהאלטן שמועסן מיט די תלמידים פון מוהרא״ש. דעמאלט האט מען גענומען די שמועסן און ארויפגעלייגט אויף קול ברסלב.

פון דעמאלט איז די נאכפראגע געווארן גרויס, מען האט געבעטן פאר נאך אינטערוויוס, עס איז דא אידן וואס האבן צו דערציילן אסאך שיינע מעשיות, האב איך געפרעגט דעם מנהל הר״ר מרדכי אינדיג שליט״א - וואס האט דאן געפירט די מערכת - אויב מען קען מאכן א קנעפל צו מאכן עטליכע אינטערוויוס, און ער האט מסכים געווען. היינט פיר יאר






שפעטער האלט מען שוין קרוב צו פיר הונדערט אינטערוויוס, חוץ פון די קורצערע אינטערוויוס, ברוך ה' פארדעם.

אגב איז וויכטיג אנצומערקן אז עס איז דא געגוג פלאץ פאר נאך אידן צו ארויפקומען אויף קול ברסלב און מהנה זיין דעם עולם מיט שיינע שמועסן וכדומה, עס איז נאך דא אסאך פלאץ צו קענען שענער און בעסער מאכן דעם האטליין, עס איז נישט דווקא אויסגעשטעלט אז איך בין דער אינטערוויוער, ווער עס שפירט אז ער האט דעם טאלאנט קען זיך מעלדן צו די מערכת און אנהייבן מהנה זיין דעם עולם.

**עפעס גוטע ווערטלעך לכבוד דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב ?**

עס איז באקאנט אז הרה"ק רבי מרדכי'לע מ'נדבורנא זי"ע האט געזאגט ווען ער וואלט געוויסט און די יונגע יארן די גרויסקייט פון משמח זיין אידן פורים וואלט ער אפגעלאזט אלע מצות היום און ער וואלט אגאנצן טאג ארומגעלאפן משמח זיין אידן.

א בחור האט מורא'דיגע קוואליפיקאציעס ער קען עפענען א טיר אן שליסלער, א ביר באטל אן א עפענער, און א גמרא אן לערנען קיין איין אידיש ווארט... אבער מיט דעם רבי'נס דרך הלימוד קען מען עס יא באווייזן...

איך האב געטראפן א חתן מיט גאר הויכע שפיצן אויף די שטריימל, האב איך אים געפרעגט וואס איז פשט פון אזעלכע גרויסע שפיצן, האט ער מיר געענטפערט: "ווען דו וואלסט געוויסט וויפיל מיין טאטע האט געבלוטיגט פאר דעם, וואלט זיך דיין האר פון קאפ אויכעט אויפגעשטעלט".

**א גרויסע ישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט, איר זאלט האבן א פרייליכן פורים און א שמחת תמיד!**

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




איר ווילט אוודאי האבן א חלק אין הפצה, צושפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.
איר קענט אויך האבן א חלק אין דעם דורך דעם וואס איר העלפט אונז ארוים צושפרייטן די גליונות אין אלע היימישע געגענטער.
די זכות איז גאר גרויס.

צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש
917-474-6118

## ברית גמ"ח

צו באקומען א ברית
סעט בשעת א שמחה.

רופט משפחת בוים
347-786-1767

Get your custom Purim labels at Stick It.

2″ .90 2.5″ .95 3″ 1.00

S. Lax
929-248-0561

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

347-578-4449 - רופט לייבי ראטה






ל. שיינער

# ס'פליט מיסט

## פונעם שכנ'ס פענסטער

וואס איז מיט מרת שמיצאוויטש? איך גיי איר ווייזן דאס מאל! עס קען אזוי נישט אנגיין! די אייז קרים רעפער וואס איר מיידל האט יעצט אראפגעווארפן, וועל איך דווקא לאזן דא פארנט פון די טרעפ. זאל זי עס אליין זען און אויפהייבן, און לערנען פאר אירע קינדער דרך ארץ! גייט א דורך א טאג נאך א טאג, וואס איך האלט זיך איין פון אויפהייבן די אייז קרים רעפער, און גארנישט!

מרת שמיצאוויטש שמייכלט ווייטער צו אירע קינדער מיט אזא זארגלאזע מינע, אן קיין דאגה ווער עס וועט איר נאכרוימען אירע שמוץ. מיין אויפברויז וואקסט מיט מיט די שמוץ ביז איך מוז ארויסגיין, אראפלויפן אלע טרעפ אויפצוהייבן די אייז קרים רעפער און אריינטראסקען אין מיסט קאסטן מיט האסטיגע באוועגונגען, האפנדיג אז מרת שמיצאוויטש האט זיך שוין געלערנט איר לעקציע.





אזוי שטיי יך ביים פענסטער גאנצן ליבן אג,

באטראכטנדיג די שכנים וואס ומען און גייען, און מש עס טרעט מיר ו צום הארצן ווי מענטשן ווייסן נישט די א-ב וויאזוי זיך צו פירן.

למשל דער אינגערמאן מר. גוטמאן, טראגט ארויס א מיסט זעקל פון זיין הויז, ער איז א גוטער צו זיין ווייב אבער אויף וועמענ'ס חשבון? די גרויסע מיסטקאסטן האט ארויסשפאצירט פון איר באשטימטע פלאץ, און ליגט אינמיטן ראוד, מר. גוטמאן געבט א טראסקע אריין זיין זעקל אינעם קאסטן אזוי אינמיטן ראוד, שפאצירנדיג ווייטער, אן דעם וואס עס זאל אים בייפאלן עס צו צוריקלייגן אויפן פלאץ.

איך זע א וועלט פון עוולות, איך מוז זען צו פארעכטן אלע שכנים!!!

פלוצלונג די טעלעפאן צוקלינגט זיך! איינער אויף די אנדערע זייט פרעגט זיך נאך פאר א שידוך, טאקע פונקט אויף די משפחה גוטמאן וואוו! יעצט איז א גוטע געלעגנהייט זיי צו שטעלן אין פלאץ, איך וועל זאגן וואספארא אוממענטשן זיי זענען, עס לוינט זיך נישט צו אנהייבן מיט זיי.

נאכן כאפן א שמועס מיט חֲבִי מיין חבר'טע - וואס האט א געלונגענע מיידל אין די יארן - האב איך איר קלארגעשטעלט אז פון משפחת גוטמאן איז נישטא וואס צו רעדן, אזעלכע מענטשן וואס קענען נישט לייגן די מיסט קאסטן אויף די ריכטיגע פאלץ, איז א מצווה צו געבן שלעכטע אינפראמאציע אויף זיי, מען זאל נישט אריינפאלן מיט א שידוך וואס איז צופלויגן און קענען זיך נישט דורכקומען מיט מיר!

אזוי האב איך געהאט א געלענגהייט צו צוריקהאלטן די שידוך (רחמנא לצלן, דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אזעלכע געווינסן).

און טאקע אין די יעצטיגע סעזאן ווען עס הייבט זיך אן ווארעמע טעג, און מען איז פארנומען מיט די פורים און פסח הכנות, וואקסן די עוולות ווי אויף הייוון. איך שטיי און בייס די נעגל צוקוקנדיג ווי די מאמעס לאזן די קינדער ארומשפרינגען אזוי פריי און די מאמעס שמייכלען נאך מיט אן דאגות פון סעיפטי.

ווער רעדט נאך פון די דרייווער'ס וואס סטאפ'ן נישט ביי די סטאפ-סיין און פארן שנעלער ווי די ספיד לימיט! עס איז ממש א הימל געשריי! איך עס זיך אויף פון יעדע עוולה און מיין פנים באקומט מער און מער קנייטשן.

מיין שכנה מרת שעמאוויטש מעג זיך טאקע שעמען, זי האלט א גאנצע רייע פון קערידזשעס אין די האלוועי, ווען זי האט נאר צוויי קינדער, און זי נעמט אויף די גאנצע פלאץ.

און מרת שמייכל ציט ארויף אזא נארישע שמייכל ווען די קינדער עסן זייערע אנגעפולטע פרישע פאפקארן פעקעלעך אין די פאבליק האלוועי און טרעפ ווי זיי גייען, און ווער זאגט איך בין יעצט אין די גיסטע צו שמעקן פאפקארן איבעראל.

אין אזא צייט ווייז איך איר אזא האלבע שמייכל, האפנדיג אז זי באמערקט די אויפגעברויזטקייט דורך די האלבע שמייכל וואס איך ווייז איר "נישט".

בעיקר מער פון אלעס דארף איך אויסלערנען פאר יעדן וויאזוי מען האלט ריין די גארבידזש, מרת שוואכער לייגט עס אינדרויסן פון איר טיר, אין די האלוועי, לאזנדיג א גערוך פאר יעדן איינעם. מרת פראקטיש ווארפט עס ארויס פון פענסטער דערשרעקנדיג אלע דורכגייער. מרת וואוילער טראגט עס שוין יא ביז די פלאץ פון די מיסט קאסטנ'ס, אבער זי מאכט נישט גוט צו די זעקלעך. ווען איך בין שוין צו נערוועז פון די שמוץ, מאך איך א גוטע קלינאפ, און ביי יעדע פאפיר וואס איך הייב אויף ווער איך מער און מער רויט פון צארן וואס האלט שיעור ביים אויפפלאמען, פארוואס דארף איך זיין די וואס נעמט קעיר פון יענעמ'ס שמוץ????

טייערע ליינער די מעשה וואס איך האב דא פארציילט קענסטו אליין פארשטיין אז עס איז ברוך השם נישט געווען מיט מיר. צוויי ראיות

האסטו:

1. איך האב נישט אזויפיל צייט צו שטיין ביים פענסטער אזוי לאנג, איך בין ברוך השם פארנומען מיט מיין אייגענע סדר היום.

2. ווען איך וואלט געוועןן די סארט מענטש וואס טראכט אזויפיל נעגעטיווע מחשבות אויף יעדן איינעם, וואלט איך זיך געשעמט עס צו פארציילן פאר יעדן איינעם.

דו וואלסט זיך מער נישט געוואלט דרייען אין מיינע ד' אמות.

נאר וואס דען פארוואס פארדריי איך דיר א קאפ מיט די אלע מעשיות? ווייל דאס האט פאסירט צו אנדערע מענטשן וואס האבן עס מיר איבערדערציילט, אדער האב איך עס מיטגעהאלטן. איך טראכט אפשר אויב איך וואלט נישט געהאט א צדיק וואס געבט מיר שכל אפשר וואלט איך אויסגעזען די זעלבע.

וואס מיינסטו איך ווער טאקע קיינמאל נישט נערוועז פון זאכן וואס אנדערע מענטשן טוען? וואס דען? נאר איך הער צו צום צדיק'ס קול, און איך חזר צו מיר "אלעס איז דער אייבערשטער" "עס איז גארנישט" "איך קוק אויף מיר" "אפשר דארף 'איך' זיך פארעכטן" און אוודאי נישט פארגעסן א תפילה "אייבערשטער העלף 'איך' זאל נישט ווערן נערוועז"

און ווען איך ווער נאך אלץ נערוועז געב איך א גוטווארט פאר מיין חבר'טע אדער שכנה "דיינע קינדער זענען אזוי גוט מחונך" אדער "דו האלטסט אזוי מסודר ארום דיין הויז".

די גוט ווארט איז אינגאנצן אמת, נאר פון מיין קוק ווינקל איז די אנדערע זייט מטבע פארדעקט. אז איך וועל אויסריינייגן מיין מח - ארויסגייען פון קטנות - אנהייבן טראכטן פונעם אייבערשטן, וועט יעדער איד שיינען. איך וועל זען ארום מיר אזויפיל אידישע קינדער וואס זענען כולו מעלות.

נאר אויף א מינוט קום איך צוריק צו מר. גוטמאן, איך וויל אייך לאזן וויסן אז איר דארפט זיך נישט זארגן, אויב האט איר אריינגעלייגט יראת שמים און גוטע מידות אין אייערע זין און טעכטער בין איך גרייט זיך צו משדך זיין מיט אייך, אדער אנטראגן גוטע שידוכים, אפגעזען אויב איז דא עפעס א נארישקייט וואס איך ווער נערוועז פון אייך.

אז איך נעם א איד'ס איינגארטיגע נאטורן וואס איז נישט אלעמאל אזוי איינשטומיג מיט מיינע, און איך לייג עס אויפן וואגשאל קעגן דעם איד'ס טייערע ווערד, מיט זיינע גוטע נקודות - וואס דער אייבערשטער ווערט זיכער נישט נערוועז פון אים - שטעלט זיך ארויס קלאר.

עס לוינט זיך זיכער,
מוחל צו זיין גיכער.
נישט מקפיד זיין,
אויף זאכן אזוי קליין.

מוהרא"ש טוט א פראקטישע
עצה געבן,
פאר אונזער טעגליכע לעבן.
אז ספעציעל ווען עס קומט
צו שכנים,
זאלסטו האבן א קשר א שיינעם.

זיי נישט ברוגז אויף קיינעם,
קוק נאר גוט אויף יעדן איינעם.
יעצט ווען עס קומט פורים,
קען מען זען ביי די שיכורים.

די אמת טוען זיי אויפדעקן,
טוען זיך פון קיינעם נישט דערשרעקן
מען האט ליב יעדן איד אינגאנצן,
ביז מען הייבט אן צוזאמען טאנצן.

ווער דער איד איז מאכט נישט קיין חילוק,
אים ארומנעמען בין איך זיכער וויליג
ארויף מיט די מאסקעס פון א גאנץ יאר,
די אמת אז מיר אלע האבן זיך ליב איז אפן און קלאר!



ש.ל. פליישמאן



# שיעור אין גראמען

ב' תצוה תשפ"ד

*נעכטן בין איך געקומען*
*צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.*
*געווארן בין איך איבערגענומען*
*מיט געפילן פאזיטיווע!*

ברסלב'ע חסידות
האט דער ראש ישיבה געשמועסט
איז אז דיין ווילן
מאכט אויס וואס דו ביסט.

האסט געגרייזט?
געווארן אין כעס?
נישט דאס ווייזט
דיין אמת'ע זיך.

זיך געטון ארומקריגן
אויף די קינדער געשריגן
ווערסט נאכמער צוקלאפט
א פלאפ נאך א פלאפ.

פארווייטאגט און צומישט
איז מיין ווערד צונישט?
ווערסט פיל מיט ספיקות
צו דו ביסט א צדיקת.

ביי די וועלט טוט מען מעסטן
אויב דיין production איז אמבעסטן
לויט דיינע פעולות וואס דו טוסט
שאצט מען אפ ווער דו ביסט.

ביים רבי'ן האט דער ראש ישיבה ערקלערט
ברסלב'ע חסידות איז פונקט פארקערט.
ווי שטערקער עס איז דיין ווילן
צו ווערן בעסער טוסטו צילן.

דו זאגסט פון הארץ טיפעניש:
"באמת וויל איך עס נישט
באשעפער דו ווייסט אז עכט
וויל איך נישט זיין שלעכט.
מיין נשמה אין מיר טיעף
האט נאר מצות ליב".

בכלל נישט שלעכט דו ביסט
ווייל טוהן גוטס דו ווילסט.
קלאפ דיך נישט לויט דיינע שריט
אז דיין ווילן איז גוט ביסטו גוט!

# פורים קומט שוין צו גיין

רייזל וועבערמאן - בית פ'יגא קרית ברסלב

פורים טוט שוין ביים שוועל שטיין,
יעדער טוט אזוי פרייליך זיין,
ווי בלומעלעך זיך פארשטעלן אזוי שיין,
**פורים קומט שוין צו גיין.**

א גאנצע פלאן האבן מיר שוין געמאכט,
גיין צו באבי'ס הויז האבן מיר געטראכט,
געפלאנט מיט הכנות בייטאג און ביינאכט,
**פורים קומט שוין צו גיין.**

די קאר איז צובראכן יעצט,
די גרויסע האט זיך צולעצט,
און די קליינע איז מיט וואסער דורכגענעצט.
**פורים קומט שוין צו גיין.**

אויפגערעגט וויל איך שוין ווערן,
אבער שמחת פורים וועל איך נישט צושטערן,
וואס זאל איך טון טו איך קלערן.
**פורים קומט שוין צו גיין.**

דער ראש ישיבה רעדט אסאך דערוועגן,
אז מען זאל גיין אין מוהרא"ש'ס וועגן,
און זיך גארנישט רעגן.
בעט דעם באשעפער אין תפילה,
דאס איז די בעסטע סגולה.
**פורים קומט שוין צו גיין.**

פורים איז נישט דארט,
פורים איז אין יעדן ארט,
אויב מען איז פרייליך איז גארנישט געזארגט.
**פורים קומט שוין צו גיין.**



## ברסלב'ע חידות

**ווי אלט איז דער הייליגער רבי געווען ווען ער האט חתונה געהאט?**

א. צוועלף
ב. דרייצן
ג. אכצן
ד. זעכצן און א האלב

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

וויפיל מאל א טאג האט דער הייליגער רבי זיך פריש באנייט פון דאסניי?
**טויזנט מאל!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**יהושע היימליך נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

**יעצט קומט דער הייליגער יום טוב פורים ווען מען גייט זוכה זיין צו הערן די מגילה; מען זאגט נאך פון צדיקים אז בשעת קריאת מגילה עפענען זיך אויף אלע הימלען און מען קען זוכה זיין צו גרויסע ישועות.**

(עצות אמונה פרשת תצוה תשע"ח)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ד | ח | ח | י | ה | פ | ז | פ | ו | ר | י | מ | צ | ס |
| ס | צ | ד | ד | ת | ע | פ | י | ש | ו | ע | ו | ת | ט | ג |
| ק | ס | ד | י | כ | ז | צ | ה | ע | ר | נ | א | ג | ו | נ |
| ל | ה | ג | ו | א | ג | כ | ט | ס | ז | י | א | ל | ע | נ |
| ח | ז | י | י | נ | א | י | ב | ז | ז | ז | ב | ו | צ | ה |
| א | ב | א | א | נ | ר | ו | ר | ת | ש | ו | ו | ד | ס | ז |
| א | ג | פ | ק | ז | ט | ק | א | צ | ז | צ | כ | כ | פ | ר |
| ב | ש | ע | ת | י | כ | י | ו | פ | צ | ש | ו | ה | ס | ב |
| ל | א | צ | ד | כ | ר | ה | ו | מ | צ | ז | ש | י | ס | ל |
| ז | ר | מ | ו | ק | מ | ק | ז | פ | ט | ע | ל | ו | ה | ר |
| ה | צ | ע | נ | ח | כ | ק | ס | ש | ה | ג | ש | מ | ע | מ |
| ע | ו | נ | ק | ר | ל | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | ב |
| פ | ק | ק | ק | ר | ת | י | ח | ו | מ | י | ח | ד | נ | ז |
| ע | צ | ב | ע | ע | ד | מ | ח | צ | ו | ט | ט | א | ס | א |
| נ | כ | ד | ג | נ | מ | ל | מ | ע | נ | מ | ג | י | ל | ה |
| ע | מ | מ | י | ר | ז | ע | מ | ה | צ | ו | ס | ת | ה | ש |
| נ | ע | ג | נ | ק | ו | נ | ט | ב | י | א | א | כ | פ | ת |
| ו | נ | ע | י | ב | י | י | ר | ק | ד | ב | ו | ו | ו | ג |
| כ | ל | ד | י | ל | ת | מ | ס | ז | ת | ז | י | י | נ | מ |
| פ | ע | י | ט | צ | ה | ב | א | ע | ק | ק | ק | ט | פ | ג |

## טרעף די וועג

### ויהי בימי אחשורוש...





## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

חלק שני

**א. כְּשֶׁהַצְּמָחִים גְּדֵלִים בִּמְלוֹאָם, עַל יְדֵי זֶה אַהֲבָה בָּעוֹלָם.**

וֶוען דִי תְּבוּאָה וַואקְסְט אוּן בְּלִיעֶט צוּ זֵייעֶר פוּלֶע גְרוֹיסְקֵייט, בְּרֶענְגְט עֶס לִיבְּשַׁאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

*דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"*

## שיחות פון רבי'ן פארהער

*וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??*




**ענטפער פון פאריגע וואך**

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "די וועלט איז נישט און מען קען זי נישט באקומען, תורה ותפילה איז יא און מען קען איר קריגן".

טרעף
די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





משנכנס אדר מרבין בשמחה!

# עצתו אמונה
בחינה

## עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

2.א פרוי מיט א נישט גוטע טעלעפאן איז אזוי ______

4.די ערשטע זאך און דאס וויכטיגסטע זאך - דארף מען מתפלל זיין אויף _____

7.זיי נישט קיין _____, כאפ זיך ארויף צום ציון המציונת, קודש הקדשים, פון הייליגן רבי'ן פון סאטמער

8.איינמאל מען איז _____ - פאלט שוין אוועק אלע מדות רעות

### פון אויבן אראפ

1.גיי אין פעלד, שריי צום ______ ער זאל דיך מקרב זיין צו אים

3.שפאציר אין די _____ מיט התבודדות ותפילה

5.אז מען טוט תשובה דארף מען גלייבן אז דער אייבערשטער איז _____

6.דאס מעסט זיך דאס גרויסקייט פון א איד, אז ער האט נישט קיין _____ אויף די אמונה



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


יודי כץ
וויליאמסבורג


אליעזר שלמה
שניטצלער


שלמה און נחמן
יאקאבאוויטש


סענדי שווארץ


אליעזר שלמה
שטיינבערג המ׳ס תלי״ה


אליעזר שלמה
שניטצלער קרית ברסלב


חנני׳ יו״ט פארקאש
קרית יואל


חי׳ אסתי
יאקאבאוויטש


ברכי בלעדי


אליעזר שלמה
שטיינבערג קרית ברסלב


נחמן נתן רוטה
קרית ברסלב


אליעזר שלמה הערצאג
וויליאמסבורג זאגט די מגילה


אשר און רייצי הערצאג
וויליאמסבורג


יוסף פרידריך
וויליאמסבורג



נחמן בלום
קרית ברסלב


נחמן נתן בלום
קרית ברסלב


נחמן נתן בלום
קרית ברסלב


בית פיגא טבריה

בס"ד

SCENTED SENSATION

# PURIM SPECIAL

## "THE GIFT THAT WILL LAST"




## BURBERRY HER

opens with a dense burst of berries, with black currant, blueberry, and raspberry left to linger in an intense, fruity-floral sweetness.

**Price only**

# $99.00

**OUR OTHER PRODUCTS**

- **POTPOURRI sachets + diffuesers**
- **LOTIONS**
- **ROOM SPRAYS**
- **MINI PERFUMES FROM $12**

Purchase our product via phone order or in store at

347-415-2888

144 Denman Rd. liberty, NY 12754

# בילדער
## אפטיילונג







קינדער אין שטעטל חדר שפילן זיך ביי לאנטש
ב' כי תשא תשפ"ד



קרעדיט: שלמה זאלדאן









נייע הפצה קארטלעך ביים הפצה ווינקעל אין היכל הקודש
בני ברק - ב' כי תשא תשפ"ד



קרעדיט: יוסי פרערויא







תנאים פון החתן דוד דייטש - ד' כי תשא תשפ"ד



קרעדיט: דוד דייטש



לעידיס אקזילערי פארטי אין בארא פארק



סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא אין היכל הקודש בראכפעלד - ד' כי תשא תשפ"ד



קרעדיט: שמואל אייזיק פערל

סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא אין היכל הקודש טבריה - ה' כי תשא תשפ"ד



קרעדיט: שמעון פארטוגאל

**א ספעציעלע קארטל מיט די סגולה פונעם רבי'ן פאר חן,**
**פאר אלע וואס האבן גענומען א חלק אינעם ספר תורה**



קרעדיט: יוסי פרערויא

**סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא**
**אין ישיבה וויליאמסבורג**



קרעדיט: יוסי פרערויא

**סיום בבא קמא בית שמש בבית המגיד שיעור**
**מו"ה שלמה טעסלער הי"ו**



קרעדיט: שלמה טוסיג

**סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא**
**אין היכל הקודש לעיקוואד - ה' כי תשא תשפ"ד**





קרעדיט: נח לוין

**סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא**
**אין היכל הקודש אלעד - מוצש"ק כי תשא תשפ"ד**





**סיום מסכת בבא קמא און התחלת מסכת בבא מציעא**
**אין היכל הקודש ירושלים - ה' כי תשא תשפ"ד**

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers'
- Compensation

## Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com



בעזהשי"ת
שוין ערשינען
#2
מעשה'לעך
#2
פאר קינדערלעך
צו באקומען:
קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב
Shop.breslevcenter.com | 718-387-2691
און ביי די מפיצים